**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/5/2026 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שענקט מער פון 38 מיליאן דאלאר צו העלפן קאונטיס זיך גרייטן פאר אריבערגאנג צו די נייע פארגעשריטענע NEXT GENERATION 911 סיסטעם**

***פינאנצירונג שטיצט פארבעסערונגען צו פייבער-אפטיק נעטווארקס וועלכע וועלן פארבינדן ווערן אריבער די סטעיט ווען Next Generation 911 וועט אריינגיין אין באנוץ***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געשאנקען מער פון 38 מיליאן דאלאר צו שטיצן די פארשטערקערונג פון די פייבער-אפטיק נעטווארק אינפראסטרוקטור וואס 911 צענטערן דארפן האבן כדי צו מאדערניזירן צו די Next Generation 911 (קומענדיגער דור פון 911) סיסטעם. דורך די סטעיט'ס עמערדזשענסי סערוויסעס IP נעטווארק (Emergency Services IP Network, ESInet) גרייטקייט גרענט פראגראם, האט יעדע קאונטי אריבער די סטעיט וואס האט אפּלייט, און ניו יארק סיטי, באקומען $689,655 צו שטיצן די ארבעט.

"אונזערע 911 צענטערן זענען די רוקן ביין פון פובליק זיכערהייט, און עס איז קריטיש אז די טעכנאלאגיע וואס שטיצט זיי זאל מאדערניזירט ווערן צו זיין די בעסטע וואס עס קען זיין", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "אזוי ווי מיר ארבעטן צו אריינברענגען Next Gen 911, וועט די פינאנצירונג זיין קריטיש פאר אונזערע לאקאלע שותפים צו מאכן די נויטיגע מאדערניזירונגען צו העלפן זיכער מאכן אז יעדע 911 רוף ווערט געענטפערט שנעל און ווירקזאמערהייט."

Next Generation 911 באציהט זיך צו א דיגיטאלע אינפראסטרוקטור וואס ווערט גענוצט דורך 911 צענטערן וואס קען זיך באגיין מיט שטימע, טעקסט, בילדער און ווידעאוס. די איינברענגונג פון די אינפראסטרוקטור וועט העלפן פארבעסערן די פונקטליכקייט פון לאקאקציעס, מעגליכקייט פון די סיסטעם צו אויסשטיין איבערשטערנגונג און מיטטיילונג פון אינפארמאציע צווישן דיספעטשערס און אפרופנדע מאנשאפטן. עס ערזעצט פארעלטערטע נישט-דיגיטאלע נעטווארקס, אריינרעכענענדיג די וועלכע ווערן גענוצט אריבער רוב פון ניו יארק, מיט א מאדערנע פארבינדענע סיסטעם וואס קען זיך באגיין מיט מער פארמאטן פון קאמוניקאציע און גיבן בעסערע אינפארמאציע פאר שטערקערע, מער עפעקטיווע עמערדזשענסי אפרופונג אפעראציעס.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס (Division of Homeland Security and Emergency Services) צייטווייליגער קאמישאנער, Terry O'Leary (טערי אָוליערי), האט געזאגט,** "מיט טעכנאלאגיע זיך כסדר אנטוויקלנדיג, טוט דאס אויסברייטערן די וועגן אין וועלכע ניו יארקער קענען זיך פארבינדן צו 911 העלפן פארשטערקערן פובליק זיכערהייט און מאכן הילף מער צוגענגליך. 911 אפערעיטארס זענען די ערשטע פראנט פון פארטיידיגונג, און עס איז וויכטיג ביז גאר אז מיר זאלן זיכער מאכן אז זיי האבן די נויטיגע מיטלען צו מאדערניזירן זייערע סיסטעמען אזוי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו אריינברענגען NextGen 911 אריבער די סטעיט."

די גרענטס בויען ארויף אויף די גאווערנער'ס אנגייענדע מיהען צו שטיצן די מעגליכקייט פון קאונטיס צו אנהויבן מאכן די אריבערגאנג צו Next Generation 911. מערסט לעצטנס, האט גאווערנער Hochul (האקול) אנאנסירט 85 מיליאן דאלאר אין גרענט פינאנצירונג וואס איז געשאנקען געווארן צו באקומען מאדערנע טעלעפאן רוף באהאנדלונג עקוויפמענט און סאָפטווער וואס איז נויטיג פאר 911 צענטערן צו קענען פונקציאנירן אינערהאלב א Next Generation 911 סיסטעם.

**איבער די סטעיט דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די דיוויזיע פון היימלאנד זיכערהייט און עמערדזשענסי סערוויסעס גיבט די פירערשאפט, אנפירונג און שטיצע פאר אונטערנעמונגען צו פארמיידן, באשיצן פון, זיך גרייטן פאר, רעאגירן צו און זיך ערהוילן פון טעראריזם, נאטורליכע קאטאסטראפעס, דראונגען, פייערן און אנדערע נויטפעלער. פאר מער אינפארמאציע, באזוכט די DHSES פעיסבוק פעידזש, פאלגט נאך @NYSDHSES אויף X, אדער באזוכט dhses.ny.gov.

באקומט לעבעדיגע עמערדזשענסי און וועטער אלערט טעקסט דירעקט צו אייער פאון. טעקסט אייער קאונטי אדער בארא וואו איר וואינט צו 333111 זיך איינצושרייבן יעצט. לערנט מער אויף dhses.ny.gov/emergency-alerts.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן